# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון עט- תרומה תשפ"א •


## ושכנתי בתוך כל אחד ואחד

בסייעתא דשמיא

מיר שטייען פרשת תרומה, קוקען קוקט אויס נארמאל אז אין די פרשה שטייט וועגן תרומת המשכן, עשיית המשכן, כלי המשכן, די גאנצע נותר פון משכן, דאס איז בקיצור ארויסגעגעבן די ווערטער פון גאנץ פרשת תרומה, די פרטי פרטים ווי אזוי צו בויען די משכן מיט די אלע זאכן, די כלים מיט די ארון, וכו' וכו'.

### 'בויען דעם בית המקדש'

מיר זעהן אבער למעשה אז וואס ס'בלייבט ביזן היינטיגן טאג פון די אלע מצוות פון די פרשה, איז איינע פון די מצוות איז צו 'בויען דעם בית המקדש', דאס ס'בלייבט היינט פאר יעדן איד למעשה צו טוהן איז די 'בנין בית המקדש', ריכטיג אונז ווייסן די באוויסטע יסוד אז ווען מ'איז אריין אין ארץ ישראל איז מען מצווה געווארן מיט דריי מצוות: מניית מלך, און להכרית זרעו של עמלק, און בנין בית הבחירה, אבער למעשה דער בנין בית המקדש [די משכן פון מדבר] איז דאך נאך דא געווען, די מצוה דארט איז נאר געווען דעם לשכנו תדרשו ובאת שמה, אז מ'זאל 'זיכען' דעם מקום המקדש און בויען די בית המקדש, און ס'האט געדויערט יארן ביז שלמה המלך האט דאס געבויעט.

למעשה, לאמיר יעצט אריבערגיין אין אונזער וועלט ווי מ'רופט דאס, וואס איז אונז נוגע?, די ערשטע זאך דארף מען וויסן, יעדע איד בלי יוצא מן הכלל האט א מצות עשה דאורייתא צו בויען א בית המקדש, ער האט נישט די געלט, ער קען דאס נישט טוהן, מיר זענען אין גלות, ס'דא אסאך פרטים, אבער די מצוה איז אויף יעדן איד, יעדע איד האט די מצוה, ס'איז נישט א מצוה אויף די מלך אדער אויפן כהן, נאר ס'איז א מצוה פאר כלל ישראל צו בויען א בית המקדש.

### חלק הפנימי וחלק החיצון

יעצט למעשה, דאס איז איין שאלה ווי ברענגט מען דאס אריין לגבי אונז, , און נאך א זאך, ווי טיף איז די נקודה פון בית המקדש, דאס איז טייטש, אז מ'וועט ארויס האבן דעם פנימי, די יסוד, די 'עיקר' פון דעם בית המקדש, וועט מען אויך וויסן וואס די אייבישטער פאדערט פון אונז,

די בית המקדש איז געבויעט פון חיצוניות מיט פנימיות, וואס הייסט? ס'דא די משכן, די כלים, די בנין המקדש, די בגדי כהונה, נאכמער כהנים בעבודתם, אבער נאך די אלע זאכן איז דא א געוויסע נקודה וואס איז א 'מפתח' צו די אלע זאכן, דאס רופט זיך 'כח המחשבה', דאס איז טייטש, ס'קען שטיין א בית המקדש, ס'איז אויסגעהאלטן אויף הונדערט פראצענט, און א כהן מיט כלים מיט די עבודה, און למעשה איז גארנישט דא, וואס הייסט?

### הכל תלוי במחשבה

איך וועל מסביר זיין, ח"ו טאמער ס'איז דא עפעס א פגם מחשבה אין דעם כהן בשעת די עבודה מאכט ער קאליע דעם קרבן, ס'דא קרבנות וואס איז פסול, ס'דא קרבנות וואס איז טאקע כשר, אבער די בעל הבית לא יצא ידי חובתו, ווייל אין די מחשבה ליגט אלעס, וועגן דעם איז ידוע די יסוד אז יעדער איינער וואס האט תורם געווען נדבת המשכן, ווער האט זוכה געווען טיפער? אלעס איז תלוי אין די מחשבה, ווי שטארקער די מחשבה פון די מענטש איז געווען, האט ער זוכה געווען צו מער א פנימית'דיגע חלק אין די בית המקדש.

און אלע ווייסן דעם באוויסטן משל פון אלשיך הקדוש וואס ער ברענגט דאס בשם די מדרש וואס מ'ווייסט נישט ווי די מדרש איז, אז ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם - בתוך כל אחד ואחד, אזוי ברענגט די אלשיך הקדוש,

### בבית ראשון רק הארון

פרעגט זיך די שאלה, ווי איז די בתוך כל אחד ואחד ביי אונז למעשה? נאר אז מ'וועט צוריק גיין אין בית המקדש וועט מען זעהן אן אינטערסאנטע זאך, אז ווען שלמה המלך האט געבויעט האט ער שוין אסאך זאכן בכלל נישט געמאכט אזוי ווי אין משכן, דאס איז די טייטש, נישט אין די 'מדות', און אפילו נישט אין 'כמות', די איינציגסטע זאך וואס איז נאך געווען פון דעם משכן אין דעם בית ראשון, [ווי מ'רופט דאס 'מעכב' געווען] איז געווען די 'ארון', דאס איז געבליבן פון דעם משכן און איז געווען ביים בית ראשון, אין דעם קודש הקדשים האט ער אויסער דעם ארון אוועק געשטעלט גרויסע כרובים, א גאנצע סדר, אבער שלחנות מיט מנורות האט ער געמאכט אסאך מער, ס'האט זיך געפראוועט דארט, מיר טרעפן אפילו אין די גאנצע סוגיא פון חנוכה, אז ס'קען גאר זיין אז די מנורה קען זיין געמאכט פון עץ אז עס פעלט אויס לגבי טהרות, ס'איז א גרויסע סוגיא.

קומט אויס, אז די חלק החיצון פון דעם בית המקדש, אזוי ווי אונז טרעפן ביי די משכן 'קרשים' האט שוין נישט אויסגעפעלט ווען מ'האט געבויעט א בית המקדש, ווייל נישט

דאס איז די נקודה, און די מזבח קען זיין גרעסער, ריכטיג, ס'מוז זיין א מזבח, א בית המקדש, א שלחן, א מנורה, עס איז דא די יסודות וואס דאס ריקט זיך נישט, אבער ס'איז שוין אויכעט דא דא די חלק פון דער וואס ער בויעט די בית המקדש, די בתוך כל אחד ואחד יעדער איינער ווען ער וועט בויען, דאס איז די טייטש, ווען עזרא הסופר איז ארויפגעקומען און ער האט געבויעט, האט ער געמאכט לפי די זאכן וואס איז געווען אין די צייטן פון עזרא הסופר.

### *על מה אבדה הארץ*

קומט אויס אז אין די חיצוניות פון דעם בית המקדש זעהט מען ממש אז ס'איז שטארק תלוי אין דער וואס ער 'בויעט', דער וואס ער טוהט יעצט די נקודה, נאר אפילו אין די פנימיות איז זייער שטארק די קדושת המחשבה, עד כדי כך, אז מיר טרעפן אין ב"ח סימן מ"ז, [ס'איז א באוויסטע ב"ח, מ'האלט עס אין איין חזר'ן], על מה אבדה הארץ, שאלו לחכמים ולנביאים, קיינער האט נישט געוויסט, ביז די אייבישטער אליין האט געזאגט, 'על עזבם את תורתי' - שלא בירכו בתורה תחילה, פרעגט די ב"ח די באוויסטע קשיא, ס'איז נישט מיט פרופארציע, קומט ער אריין צו די יסוד אז די תכלית איז דעם ושכנתי בתוכם צווישן זיי, און אפילו ס'איז נישט געווען די מחשבה, אפילו ס'האט געפעלט די מחשבה, דער יסוד האט געפעלט, איז ממילא כביכול הקב"ה עזב את הארץ, אויף דעם ב"ח שטעלט זיך דער שפת אמת אין די שפת אמת ענפערט זייער א שיינע בליק וואס רופט זיך, אז למעשה מעשים איז דאך דארטן געווען, מ'האט געדינט דעם אייבישטן, מ'האט אלעס געטוהן, א ראיה ווייל די חכמים און די נביאים האבן נישט געטראפן קיין סיבה על מה אבדה הארץ, נאר 'מחשבה' האט געפעלט, ממילא היינט ווען ס'איז נישטא קיין בית המקדש, איז אבער נאך דא די רצון מיט די מחשבה פון כלל ישראל, אזוי ווי אונז זאגן ביי מוסף, אונז ווארטן אויף די מינוט, איז אונזער רצונות מיט אונזער מחשבות זענען משלים יענע מעשים אן די מחשבה, דאס איז די תיקון פון די זמן הגלות.

### *חלק פון השראת השכינה*

אבער לאמיר צוריק גיין צו אונז, אונז קענען טאקע היינט נישט בויען א בית המקדש, אבער די בתוך כל אחד ואחד, און בפרט די חלק 'המחשבה' שבתוך כל אחד ואחד, דאס הייסט די תכלית צו געדענקן נאכאנאנד דעם אייבישטן, וואס די גאנצע בית המקדש איז געמאכט געווארן אז מ'זאל געדענקן אז ס'דא אזא זאך השראת השכינה ביי אידן, דאס צו אריינברענגען, דאס האט מען נאך ביז היינט א מצוה נאכאנאנד פון בנין בית הבחירה שבתוכינו, נאכאנאנד קענען מיר האבן אונזער חלק פון השראת השכינה מקדש זיין די מחשבות צו אונזערע מעשים, איז ושכנתי בתוכם - בתוך כל אחד ואחד, דאס קען מען זייער שטארק פארשטיין מיט די יסוד פון די מדרש וואס די אלשיך ברענגט, וואס הייסט בתוך כל אחד ואחד, נאר ועשו לי מקדש, זיך מאכן אליין א בית המקדש, מקדש זיין די קודש הקדשים פון די מענטש - די מח מיט די מחשבה, און דארטן קען מען נישט רירן, דארטן אויכעט ביי שלמה המלך האט געניצט דעם ארון פון משכן שעשה משה, ווייל דאס איז די קודש הקדשים.

א איד דארף אלעמאל מקדש זיין די מחשבה, און אז ער האט די מחשבה, איז א בחינה פון 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם'.

# אדנים-אחדות

אין פרשת תרומה איז דא איינע פון די זאכן, די 'אדנים', די סדר פון מאכן די אדנים, פון כסף, פונקט הונדערט אדנים, און אויף דעם זענען געשטאנען די ווענט ארום און ארום, און למעשה איז געשטאנען די גאנצע משכן אויף די אדנים.

### *אדנים הם יסוד כל המשכן,*

מ'וועט זיך מתבונן זיין וואס איז די אדנים, די אדנים איז די 'יסוד', אזוי ווי ווען מ'בויעט א בנין מוז מען מאכן א יסוד, דאס זעלבע די אדנים דאס איז געווען די יסוד וואס אויף דעם איז געשטאנען די קרשים פון די משכן, און אויף דעם האט זיך געהאלטן די גאנצע משכן.

די אדנים זענען געמאכט געווארן פון זילבער פון אלע אידן וואס יעדער האט געגעבן א מחצית השקל, און פון דעם איז דאס געשטאנען, פון די אחדות פון כלל ישראל, דאס איז געווען די יסוד פון בויען די בית המקדש.

### *כח האחדות*

מיר טרעפן, ס'איז באוויסט די גמרא אין יומא, ס'איז געווען צוויי גלות'ן, ביי די ערשטע גלות איז כלל ישראל ארויס אין גלות, ווייל ס'איז געווען עבירות חמורות ר"ל בתוכם, ס'איז חרוב געווארן די בית המקדש, עס איז געווען גלות בבל אויף זיבעציג יאר, נאך זיבעציג יאר, מ'איז צוריק געקומען, מ'האט געבויעט נאך א בית המקדש, און ביים סוף די צווייטן בית המקדש איז געווען די גלות אויף שנאת חנם, האבן די תלמידים געפרעגט פאר רבי', וואס איז א גרעסערע עבירה, האט ער געזאגט קום קוקען אויף די בית המקדש אליין, מיר ווייסן אז נאך זיבעציג יאר האט מען זיך געטראפן צוריק מיט א נייע בית המקדש, און דאס צווייטע חורבן גייט נאך אן, עד היום צוליב די שנאת חנם, און מיר שטייען נאך ביז יעצט אן קיין בית המקדש.

### *עד דאיתעבידת ברזא דאחד*

קוקען קוקט אויס די אז די שאלה איז, וואס איז א גרעסערע עבירה, די עבירה פון בית ראשון אדער פון בית שני, אבער נישט דאס איז געווען די שאלה, וואס איז הארבער בפועל פון די עבירה פון די חלק ה'סיבה' פון חורבן בית המקדש, מ'וועט דאס אביסעלע קלארער מאכן, מיט די ווערטער פון שפת אמת, זאגט די שפת אמת, אז נישט ח"ו אז שנאת חנם איז א גרעסערע עבירה פון ע"ז גילוי עריות און שפיכת דמים, נישט דאס איז די הגדרה, די הגדרה איז א פשוטע הגדרה, און די משל צו דעם דאס צו פארשטיין איז זייער געשמאק, ווען א טאטע זיצט אין א שטוב און די קינדער צווישן זיך קריגן זיך קען ער דאס נישט אריבער טראגן ער קען נישט זיין דארטן, אונז זאגן ביי כגונא, יעדן שבת ביינאכט, זאגט מען דארט קודשא בריך הוא לעילא לא יתיב על כורסייא דיקריה עד דאיתעבידת ברזא דאחד, די עצם זאך אז ס'איז דא אחדות איז דא השראת השכינה, די שכינה מיט אחד דאס גייט איינס מיט'ן אנדערן, השראת השכינה מיט אחד איז איינס, אז ס'איז ח"ו נישט דא קיין אחדות צווישן אידן לייגט דאס אוועק אלעס כל חלקי התורה, און כביכול הקב"ה זאגט איך קען דא נישט זיין.

### על רגל אחת

ס'איז ידוע די תניא אין סימן ל"ב פרעגט א יסודות'דיגע קשיא, וואס דאס עפנט אביסל דעם בליק צו דאס קענען נאך מער פארשטיין אויף דעם נושא פון נקודת האחדות, ער פרעגט א מורא'דיגע קשיא, מיר טרעפן דארט אין די גמרא אז דער גר איז געקומען צו שמאי וכו', ער איז געקומען צו הלל האט ער איהם געזאגט 'ואהבת לרעך כמוך' וועט ער קענען אלעס.. פרעגט די אלטע רבי א מורא'דיגע קשיא, דא ליגט די גאנצע תורה?

נאר, מ'נעמט ארויס אין איין ווארט אז די תכלית וואס א איד לעבט אויף די וועלט, די תכלית פון די מתנה וואס די אייבישטער האט אונז געגעבן די תורה איז אז מ'זאל לעבן נישט גופנות'דיג, נישט ארציות'דיג, נישט מגושם'דיג, נאר לעבן 'רוחנית'דיג, לעבן נשמה'דיג, לעבן דערהויבן, און דאס איז די גאנצע מתן תורה, די אלע תמצית פון די גאנצע תורה, אלע מצוות איז לעבן מיט דביקות צום אייבישטן, ארויסגיין פון די גשמי,

### די חשיבות פון א איד

זאגט ער אזוי, הער זיך איין, ווילסטו וויסן וואס דאס הייסט די חשיבות פון א איד, די חשיבות פון א איד איז די נשמה, וועסטו מחשיב זיין די נשמה, וועסטו מחשיב זיין יעדן איד, וועסט האבן 'ואהבת לרעך כמוך', וועסטו אנערקענען אז די חשיבות איז די חלק הנשמה, וואס דאס האבן אלע אידן די זעלבע גלייך, אזוי וועסטו דעגרייכן כל התורה כולה, אבער טאמער דו וועסט ווייטער לעבן מיט דיין ארציות, און דיין אייגנקייט, און דו וועסט נישט מעריך זיין די רוחני שבדבר, וועסטו נישט דעגרייכן די תורה, ווייל די תכלית פון די תורה איז דאך ארויסגיין פון די גשמיות, ארויסגיין פון די ארציות, און לעבן רוחני, דעמאלסט קענסטו לעבן מיט אלע אידן.

קומט אויס, דער יסוד וואס די תורה לערנט אונז פרשת תרומה, איז אז די יסוד צו אוועקשטעלן א בסיס וואס דאס וועט זיין די יסוד פון דעם גאנצן משכן, דאס איז אחדות פון גאנץ כלל ישראל מיט א גלאטקייט, יעדע איינער גיבט א האלבן שקל זילבער און פון דעם מאכט מען די יסוד, ריכטיג די תרומת המשכן די אנדערע זאכן איז געווען מער חשובע און ווייניג חשובע, אבער די יסוד צו קענען 'אוועקשטעלן' א משכן, מוז מען צוקומען צו זיך נישט האלטן גרעסער פאר יענעם, זיך האלטן גלייך, און וויסן אז די גאנצע חשיבות פון מיין תורה און מצוות איז ווייל איך האב א נשמה פון א איד, און אז די זעלבע סארט נשמה פון א איד האט יענער אויכעט, דו האסט קיינמאל נישט געזעהן די קאליר פון די נשמה, ווי הויך דיין נשמה איז,

ס'איז ידוע ס'איז דא אזא זאך א מענטש האט א העכערע נשמה, א קלענערע נשמה, אבער ווען איינער פארעט זיך שוין מיט דעם, און ער זאגט דאס איז גרעסער, דאס איז קלענער, נישט דאס מיינט 'נשמת ישראל', און נישט דאס מיינט 'אחדות' ישראל, ביי כביכול הקב"ה וואס ער ווייסט די טיפקייט פון די אלע זאכן, דאס איז דיין נקודת הנשמה.

### 'נשמת ישראל'

ס'איז ידוע אפילו אז די אריז"ל האט געזאגט פאר זיין תלמיד ר' חיים ויטאל, האט ער איהם געזאגט, דאס אז אין די דורות מ'האט אסאך זיך צו מתמודד זיין מיט די שווערקייטן, איז אויכעט ווייל מ'מוז נישט האבן די העכסטע נשמה, פארקערט, אמאל א קלענערע נשמה וואס איז זיך מער מתמודד, ס'איז זייער חשובע, דורות הראשונים האבן געהאט גרויסע נשמות, איז אפילו זיי האבן געמאכט גרויסע עבודות, אבער ווייל זיי האבן געהאט הויכע נשמות איז זייער עבודה נישט אזוי חשוב ביים אייבישטן ווי די קליינע נשמות, די שוואכע נשמות, בעיקבתא דמשיחא וואס מ'שפירט שוין נישט, דאס איז די טייטש אז די גרויסקייט פון די נשמה דאס דארף מען לאזן פאר כביכול הקב"ה די חשבונות, אבער אונז אידן דארפן וויסן אז אונז גאנץ כלל ישראל האבן איין זאך דאס רופט זיך **'נשמת ישראל'**, ס'איז נישט דא קיין סיבה פארוואס איינער זאל זיך האלטן בכלל גרעסער ווי דעם צווייטן, דעמאלס קען עס זיין אן אמת'ע הנחת אבן הפינה פון ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם - בתוך כל אחד ואחד, אז מ'זאל האבן באמת די כח צו ברענגען די השראת השכינה אויף זיך און אויף גאנץ כלל ישראל.

## חודש אדר / משנכנס אדר מרבין בשמחה

### עשו לי דירה קטנה

מיר שטייען ביים טיר פון חודש אדר, 'משנכנס אדר מרבין בשמחה'. ס'דא א מדרש אין פרשת תרומה וואס ברענגט ארויס די גאנצע נקודה פון די מושג פון בויען דעם משכן, בדרך כלל איז פרשת תרומה טאקע חודש אדר, ברענגט דער מדרש א גאנצע משל אז ס'איז געווען אמאל א מלך וואס האט געהאט א בת יחידה וואס ער האט איר געוואלט חתונה מאכן, אבער ער האט געהאט א פראבלעם, וויאזוי וועט ער איר ארויסשיקן פון שטוב, ס'איז דאך זיין בת יחידה ער וויל דאך אויך ווייטער האבן קשר מיט איר, ער וויל האבן שייכות מיט איר, אבער זי גייט געהערן צום מאן, וואס טוהט מען? האט ער זיך אויסגעשמועסט, איר אפלאזן קען איך נישט, און איר ווייטער האלטן ביי מיר קען איך אויך נישט, האט ער געזאגט פאר דעם איידעם און פאר די טאכטער מאכט'ס מיר א קליין צימער איך זאל קענען קומען וואוינען מפעם לפעם צו אייך, איך זאל קענען וואוינען ביי אייך, נאנט צו אייער דירה מאכט'ס מיר א צימער.

דער אייבישטער זאגט איך האב געגעבן די תורה, ס'איז געווען מיין טאכטער, די אידן האבן חתונה געהאט מיט די טאכטער, האט די אייבישטער געזאגט, מאכט'ס מיר א משכן צו קענען וואוינען צווישן אייך, דאס איז די טייטש, איך האב געגעבן אלץ איידעם 'כלל ישראל', און די תורה האב איך אייך אוועק געגעבן, אבער לאזט מיר צווישן אייך, געבט'ס מיר א משכן, דאס איז א מדרש אין תרומה.

### 'אדר' איז א לשון דירה

ס'איז ידוע פון ספרים הקדושים אז 'אדר' איז א לשון פון 'אדור ביניכם' איך וויל וואוינען צווישן אייך, דער זעלבער געדאנק ווי די מדרש זאגט, און באמת אין חודש אדר איז דאס טאקע נתגלה געווארן, די גרויסע אהבה פון די אייבישטער צו די אידן, אפילו ווען זיי זענען געווען נישט אין די בעסטע מצב, ס'איז געווען דארט א השתחוו לצלם, נהנו מסעודתו, און ווען עזרא איז טאקע ארויף בויען דעם צווייטן בית המקדש, איז געווען א גרויסע פראבלעם פון נשים נכריות, ס'האט נישט אזוי געקלאפט, און אפע"כ כביכול הקב"ה איז געקומען זיי העלפן, איז ממילא נתגלה געווארן מיט די גאנצע שטארקייט פאר די אידן, 'יא! איך בין צווישן אייך'.

### 'אדר' מלשון 'אדיר'

ס'איז ידוע די ווארט פון גמרא הרוצה

שיתקיימו נכסיו 'יטע בהן אדר' מלשון 'אדיר במרום ה'', ס'איז א לשון פון א שטארקייט, אז א איד ווען ער שטארקט זיך, און ער געדענקט ווי שטארק די אייבישטער איז נאנט צו איהם, ברענגט דאס צו איהם 'שמחה', באמת פרעגט זיך א מורא'דיגע קשיא, משנכנס אדר מרבין בשמחה, ווי אזוי זאל מען זיין באמת בשמחה? נאר לפי וואס מ'האט יעצט גערעדט, קען מען דאס גוט מסביר זיין,

## מרבין בשמחה, ווי אזוי?

די רמב"ם אין תענית אסתר פארברייטערט די גאנצע זאך פארוואס איז דא די צום פון תענית אסתר? ברענגט ער מ'זאל געדענקן דעם אייבערשטן, און ער ברענגט אראפ דעם פסוק בכל קראינו אליו, אז אלעמאל אונז זאלן זיך נאר אויסדרייען דעם פנים צום אייבערשטן, אין וואס פאר א מצב עס זאל נישט זיין, וועט די אייבישטער זיין מיט אונז צוזאמען, אזוי ווי אונז זינגען 'ולא יכלמו לנצח כל החוסים בו', אלעמאל וועט מען בלייבן מיטן אייבערשטן.

קומט אויס, חודש אדר ווערט נתעורר דער חלק אז כביכול הקב"ה איז נאנט צו אונז, ווייל ער האט עס ארויסגעוויזן אויפן גרויסן פארנעם.

ס'דא א יסוד אז אלעס איז תלוי אין מחשבה, מ'האט שוין געהאט גערעדט אויף דעם אין די שמועס פון פרשת תרומה, אז אין די מחשבה ליגט די טיפקייט פון די גאנצע זאך, קומט אויס, ס'דא א פסוק 'בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך', אז יעדע פלאץ וואס א איד לערנט עפעס תורה, ער דערמאנט דעם אייבערשטן, ער ווערט צוריק מחובר, ווערט די אייבישטער כביכול הקב"ה צום איהם צוגעטשעפעט און ער בענטשט איהם, ער באקומט א שפע, ער ווערט צוריק נתעלה צום אייבערשטן, און אפילו ווען איינער האט נישט קיין גרויסע מדריגות.

## אין גלות איז גענוג א 'ריינע' פלאץ

אזוי ווי ס'איז ידוע די משל פון די מגיד אז נארמאל א מלך איז אין זיין פאלאץ, אין זיין פלטרין דארף אלעס קלאפן, און אלעס דארף שטימען אויפן גרויסן גרויסן פארנעם, אבער ווען ער איז אין גלות און ער איז נישט אין זיין פלאץ איז גענוג נאר א 'ריינע' פלאץ קען שוין די קעניג אריינגיין דארטן, ס'זאל נאר זיין 'ריין'.

די זעלבע זאך כביכול הקב"ה זאגט פאר די אידן, און היינטיגע צייטן, אפילו א מענטש אן קיין מדריגות אזוי ווי די פריעדיגע דורות וואס איז געווען מורא'דיגע מדריגות מיט אלע זאכן, נאר דו וועסט זיך קערן צו מיר וועל איך קומען דארטן, וועסטו האבן השראת השכינה, ממילא משנכנס אדר מרבין בשמחה פרעגט זיך א מורא'דיגע קשיא ווי קען איך זיין בשמחה, איך ווייס דאך וואס פאר א מדריגה איך שטיי, איך ווייס דאך גאנץ גוט אין וואס פאר א מצב איך בין, איך בין נישט קיין אדם השלם, און נאך אפילו קיין חצי אדם ווי מ'רופט דאס, איך בין אזוי ווייט, פון ווי זאל איך נעמען שמחה?

## די יסוד פון די שמחה

נאר די יסוד פון די שמחה איז, די מינוט וואס א איד כאפט זיך אז חודש אדר איז נתגלה געווארן אז די אייבישטער קערט זיך צו אונז אין יעדן מצב, און אז אין יעדע מצב וואס א איד איז נאר, און ער וועט זיך אויסדרייען די פנים צו איהם, זיך דערמאנען פון איהם, טראכטן פון איהם, רעדן פון אייבערשטן, און צום אייבערשטן, און פראבירן זיך רוקן פון פלאץ מיט א 'משהו' וועט כביכול הקב"ה קומען צו איהם, דאס קען שטארק ארויסברענגען די נקודת השמחה אז דער מענטש זאל זיך פרייען, אה, איך בין קיינמאל נישט אליין, איך שטיי מיטן באשעפער, און איך גיי מיט איהם, ער וויל ס'זאל זיין גוט מיט מיר, און ער וויל האבן מיט מיר קשר, אין וואס פאר א מדריגה איך זאל נאר שטיין, נישט די טייטש איך דארף נישט תשובה טוהן, אוודאי איך דארף תשובה טוהן, איך דארף פארעכטן, אבער כביכול הקב"ה וויל נאכאנאנד בכל קראינו אליו, אלעמאל וויל ער מיר, און ערווארט אויף מיר.

## 'כי יעמוד לימין אביון'

און יעצט איז א גוטע צייט חודש אדר, אז אפילו א מענטש האט א משפט מיט א גוי, און די זעלבע זאך איז מיטן יצר, אלע ווייסן דאך אדם נידון בכל יום, א מענטש ווערט דאך יעדן טאג נידון, ער ווערט נידון פון צווי זייטן פון די יצר טוב מיט די יצר הרע, די ביידע משפט'ן איהם, מ'לערנט עס ארויס פון א פסוק, די בעל התניא צונעמט דאס אין די ספר תניא, אבער לאמיר נישט אריינגיין אין די נקודה, אז א איד דארף זיך אלעמאל שטארקן אז די אייבישטער שטייט איהם צו דער זייט 'כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו' אז די אייבישטער שטייט לימינו, דאס מיינט די זייט פון די יצר טוב, און די סעקונדע וואס די איד וויל זיך נאר געבן א קער, איז ער איהם מושיע משופטי נפשו, איינער פון די שופטים וואס רופט זיך די יצר הרע, א מענטש וואס האט א דין מיט א גוי אדער מיט די יצר הרע זאל ער דן זיין אין חודש אדר, וואס דעמאלס ווערט מורא'דיג נתגלה די רחמים פון כביכול הקב"ה צו דעם איד.

זאל די אייבישטער אונז העלפן, אונז זאלן באמת זיין בשמחה, און צוקומען צו דעם 'טוב לב משתה תמיד', ווייל ס'איז דאך אלעמאל מצוה גדולה להיות בשמחה 'תמיד', נישט נאר אדר, נאר מרבין בשמחה אין אדר, מ'זאל סיי האבן דעם תמיד, און סיי מקיים זיין משנכנס אדר מרבין בשמחה.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 052-713-5944**

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1